בס"ד

עלון שבועי מבית "בני אמונים"

# וכל מאמינים

281 | פרשת במדבר | תשע"ט

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'לראש ולא לזנב'

**"וְאִתְּכֶם יִהְיוּ אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא"** (א ד)

**רבי משה חפץ** פון די חכמי איטאליע זאגט:

אין מסכת יומא (כב ב) זאגן די חכמים: "אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו [ד.מ. מ'נעמט נישט אויף א מנהיג אויפן ציבור נאר אויב ער האט א פעלער אין זיין יחוס (רש"י שם)], שאם תזוח דעתו עליו, אומרים לו חזור לאחוריך [ווייל אויב ער וועט זיך גרויס האלטן, זאגט מען אים קוק אויף צוריק]". און עס ווערט דערציילט אז איינמאל האט א פראסטער מענטש א אפשטאמיגער פון א שיינע פאמיליע געטראפן א קלוגער מענטש וואס איז געקומען פון א פשוטע פאמיליע, און דער פראסטער האט געטשעפעט דעם צווייטן אויף זיין שוואכן יחוס. האט דער קלוגער צוריק געענטפערט: "מיט וואס האלטסטו זיך גרויס? איך בין דאך דער אנהויב פון דער יחוס פון מיין פאמיליע, און ביי דיר האט זיך געענדיגט דער יחוס פון דיין פאמיליע...".

דאס דערציילט דא דער פסוק, אז די נשיאי המטות זענען נישט אויסדערוועלט געווארן פון אזעלעכע משפחות וואס פארמאגן יחוס, נאר פארקערט, צוליב זייער גרויסקייט, און וועגן דעם איז יעדער פון זיי געווען: "אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא" - מיט אים האט זיך אנגעהויבן דער יחוס פון זייער פאמיליע.

מיט דעם טייטש **רבי גרשון שטערן** דער רב פון מאראש-לודאש וואס מיר בעהטן בשעת'ן עסן דעם ראש כבש ראש השנה ביינאכט: "שנהיה לראש ולא לזנב" (שו"ע או"ח תקפג יב) - מיר זאלן זוכה זיין צו זיין דער 'ראש' פון דער יחוס פון אונזער פאמיליע, און נישט חלילה א 'זנב' - דער ענדע פון דער יחוס.

'מלאכת מחשבת' [ווענעציע ת"ע]; 'ילקוט הגרשוני' - כללים, ח"ג בהקדמה

### דערמאנען דעם יחוס ביי קריאת התורה

**"וַיִּתְיַלְדוּ עַל מִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם"** (א יח)

פון די ווערטער פונעם מדרש אויף דעם פסוק האט **רבי הילל ליכטנשטיין** פון קאלאמיי ארויסגעלערנט א טעם אויף דער מנהג אז דער וואס איז עולה צו די תורה טוט מען אים אויסרופן מיט זיין נאמען און זיין פאטער'ס נאמען (רמ"א או"ח קלט ג):

עס ווערט געברענגט אין מדרש (ילק"ש במדבר רמז תרפד): "בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו אומות העולם בהן... סתם פיהם הקב"ה, אמר להן: הביאו ספרי יוחסין שלכם... כדרך שבני מביאין - 'ויתילדו על משפחתם'". ווייל די אידן האבן זוכה געווען מקבל זיין די תורה אין זכות פון זייער יחוס, צוליב דעם ווען מ'רופט זיי אויף צו די תורה, דארף מען דערמאנען זייער יחוס.

'מקרי דרדקי'

### א 'מקום קבוע' אין שול

**"וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם"** (א נב)

אויף א וויכטיגע זאך וואס איז נוגע צו תפילה און איז מרומז אין דעם פסוק האט **רבי יעקב אבוחצירא** מעורר געווען:

די חכמים האבן זייער מחשיב געווען דעם ענין פון זיין א 'קובע מקום לתפילתו' אין שול, און זיי האבן געזאגט אויף דעם (ברכות ו ב): "כל הקובע מקום לתפילתו אלוקי אברהם בעזרו". דער ענין איז מרומז דא אין פסוק: "וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - ביים דאווענען, "אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ" - אין דעם פלאץ ווי די שכינה רוהט אין שול, "וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ" - אויף זיין באשטימטן פלאץ.

'פתוחי חותם'

## מבאר אמונים

מקורות על גודל חשיבות עניית אמן

### אכטונג געבן נישט פארלירן איין אמן

**"וְאַתָּה הַפְקֵד אֶת הַלְוִיִּם... וְהַלְוִיִּם יַחֲנוּ סָבִיב לְמִשְׁכַּן הָעֵדֻת וְלֹא יִהְיֶה קֶצֶף עַל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (א נ- נג)

**רבי יעקב אבוחצירא** שרייבט:

'הלוים' איז גימטריה אמן, און 'הלוים' איז א לשון חיבור, ווייל דורך 'אמן' ווערן באהאפטן די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י [וואס זענען גימטריה אמן]. און דער אויבישטער ווארנט אן משה ער זאל אנווארענען די אידן, זיי זאלן זיין זייער געווארנט אויף דעם ענין, ווייל אסאך זאכן ווערן געטון אויבן דורך ענטפערן אמן, ווייל דורך דעם ווערן דאך באהאפטן די שמות הק', און זענען מעלה די עולמות און ברענגען אראפ די שפע.

און נאכדעם זאגט ער 'והלוים יחנו סביב למשכן העדות' נאכאמאל א ווארענונג פאר די וואס ענטפערן אמן, זיי זאלן שטארק אכטונג געבן נישט פארלירן קיין איין אמן... און ווען זיי וועלן אכטונג געבן ענטפערן אמן, אפילו אויב עס איז נגזר געווארן אויף זיי א גרויסע גזירה ווערט עס בטל, און דאס שטייט אין פסוק: 'ולא יהיה קצף על עדת בני ישראל' אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב) אז 'העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה'".

'פתוחי חותם'

### דריי סימנים אויפן שבת

**"אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (ב ב)

אין **'ילקוט ראובני'** אין אונזער פרשה ווערט געברענגט, אז אויפן עמוד הענן וואס איז געווען אין צענטער פון די מחנה, העכער די ארון העדות, האבן געלויכטן די אותיות 'י-ה'; אין לויף פון די זעקס טעג פון די וואך האבן זיי געשוועבט אהער און צוריק אויף די פיר דגלים וואס זענען געווען אין די פיר זייטן פון די משכן, אבער שבת זענען זיי געבליבן רועהן אויף דעם זעלבן דגל, פון ווען דער שבת איז אריינגעקומען ביז מוצאי שבת.

לויט דעם ערקלערט דער **יעב"ץ** וואס מיר זאגן ביי דעם זמר 'מה יפית' שבת ביינאכט: "דבר סימן טוב לך במן **ואות דגל**, סמבטיון המתגלגל"; ד.מ.: אויסער דעם וואס שבת איז נישט געקומען קיין מן, און דער סמבטיון-טייך וואס שטורעמט א גאנצע וואך רוהט אין דעם טאג, איז געווען נאך א צייכן אויפן שבת - אז דער שם 'י-ה' האט גערוהט אויף דעם דגל פון כניסת השבת ביז מוצאי שבת.

'סידור בית יעקב' עמ' קנה

### 'תולדות' וואס זענען צוליב א תפילה

**"וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֶת מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי"** (ג א)

דער פסוק הייבט אן: "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה" און ער רעכנט נישט אויס נאר די קינדער פון אהרן. וואס איז דער פשט פון דעם?

זאגט דער **'אור החיים'** הקדוש:

עס ווערט געברענגט אין מדרש (ויק"ר י ה) אז ווען עס איז נגזר געווארן די גזירה פון מיתה אויף די קינדער פון אהרן האט משה געדאוונט אז די גזרה זאל בטל ווערן, און ווייל מיר ווייסן אז 'תפילה עושה מחצה' זענען צוויי פון זיי - אלעזר און איתמר - גערעטעוועט געווארן דורך זיין תפילה, און מ'קען זאגן אז צוליב דעם וואס זיי זענען גערעטעוועט געווארן אין זכות פון זיין תפילה, האט די תורה זיי גערעכנט ווי זיינע קינדער.

דער **'לב שמחה'** האט צוגעלייגט, לויט דעם קען מען זאגן אז גאנץ כלל ישראל ווערן גערעכנט ווי קינדער פון משה, ווייל אלע זענען דאך ניצול געווארן פון דער שטראף אויפן חטא העגל אין זכות פון זיין תפילה.

'אור החיים'; 'לב שמחה'


נלב"ע כ"ז אייר תשל"ו

## צדיק שומר אמונים

האדמו"ר רבי מאיר'ל אמשינובער פלעגט זיך פירן זיך אויפהאלטן אין שול לאנגע שעות כדי צו ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות השחר וואס די מתפללים אין די קומענדיגע מנינים וואס זענען געווען אין זיין בית המדרש אין די געגנט בית וגן האבן געזאגט.

'כתר מלוכה' עמ' ש"א

ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - די בקשה 'רצה' (ב')

### יום גדול וקדוש

ביים נוסח פון 'רצה' באטאנען מיר "כי יום השבת הינו גדול וקדוש לפניך". דאס ברענגט ארויס די כוונה אז שבת באדייט נישט נאר צו רועהן פון די פלאג און די ארבעט פון די זעקס טעג, נאר א רועהן פון קדושה; דער עיקר חוב פון א מענטש איז צו הייליגן דעם שבת דורך אויסנוצן די פרייע צייט אויף לימוד התורה, אזוי ווי דער טור ברענגט (או"ח רצ) אין נאמען פון מדרש: "די תורה האט געזאגט פאר הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם, ווען די אידן וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל, דער לויפט זיך צו זיין ווייִן-גארטן און דער לויפט צו זיין פעלד, וואס וועט זיין מיט מיר? האט ער איר געזאגט: איך וועל דיר צושטעלן א בן זוג, ד.מ. א פאר, און 'שבת' איז זיין נאמען, וואס אין דעם טאג ארבעטן זיי נישט, און דעמאלטס וועלן זיי קענען לערנען". פירט אויס דער טור: "דעריבער דארף מען באשטימען דעם טאג פון שבת אויף לערנען, מ'זאל צו וויסן טון פאר די פאלק די הלכות פון די תורה".

און אין 'בית יוסף' דארטן ברענגט ער צו אין נאמען פון מדרש (תנחומא ויקהל): "הקדוש ברוך הוא האט געזאגט פאר משה: גיי און טוה פאר מיר גרויסע פארזאמלונגען אין שבת כדי אלע שפעטערדיגע דורות זאלן זיך אפלערנען מ'זאל זיך איינזאמלען יעדע שבת, מ'זאל אריינגיין אין די שולן לערנען דארט תורה ברבים... האט הקדוש ברוך הוא געזאגט פאר די אידן: אויב ענק נעמען זיך צוזאם יעדן שבת אין די שולן און ענק ליינען אין תורה און אין נביא, רעכן איך פאר ענק אז ענק האבן מיר ממליך געווען אויף דער וועלט".

פון דעם לערנען מיר ארויס אז די תורה איז די בת זוג פונעם שבת, און אן די תורה איז שבת נאר ווי א האלבע זאך. דעריבער האט מען מתקן געווען מ'זאל זאגן ביי 'רצה': "כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניך" - דער שבת איז 'גדול' גרויס און עס איז בשלימות, נאר ווען עס איז 'לפניך', ד.מ.: "לשבות בו... כמצות רצונך" - אזוי ווי דו האסט באפוילן, פון איין זייט רועהן פון ארבעט, און פון די צווייטע זייט לערנען תורה ('להורות נתן' [פון הגר"נ געשטעטנער] - מועדים, ח"ב עמ' מח).

### דער באגריף פונעם פעדלער

די פשוטע באדייט פון די צווילינג-ווערטער: 'גדול וקדוש' איז אזוי: 'גדול' - עס האט אין זיך א דערהויבנקייט וואס לויט אונזערע באגריפן קען מען עס פארשטיין, און 'קדוש' - מיר האבן אינגאנצן נישט קיין אנונג אין זיין טיפקייטש (ע"פ מלבי"ם יחזקאל לח כג).

דער הייליגער 'חתם סופר' האט עס ערקלערט מיט א משל, א איינפאכער איד, א פעדלער פון א פארווארפענע שטעטל, וואס האט באזוכט אין די הויפט-שטאט פעטערבורג. ווען ער איז אריבער נעבן פאלאץ פונעם צאר און האט געזעהן די שיינע גארטן, האט ער זיך נישט געקענט שטארקן אויף זיין נייגעריגקייט און האט זיך אריינגע'גנב'עט אהין, אן ער זאל וויסן אז דאס איז די גארטן פון דער פאלאץ. אינמיטן שפאציר אין גארטן ווען ער ווערט באגייסטערט פון די שיינע ביימער און בלומען, איז אים פלוצלינג אקעגן געקומען דער רוסישער צאר.

דער צאר האט באהאלטן זיין אינערליכער צארן אויפן אריינקומען אן קיין ערלויבעניש, און האט אנגעהויבן אויספארשטן דעם איד: 'פון וואו קומסטו?', 'פון יענע און יענע שטעטל' - האט דער איד געענטפערט. 'און וואס טוהסטו?' - האט דער צאר זיך ווייטער אינטערעסירט, 'איך בין א פעדלער' - איז געווען זיין ענטפער, און אזוי ווי די אידן פירן זיך האט ער באלד צוריק געפרעגט: 'און ווער ביזסטו מיין הער?' - האט ער געפרעגט. 'מיין נאמען איז ניקולאי' - האט דער צאר געענטפערט איבערראשט. 'און וואס זענען דיינע געשעפטן?' - האט דער תמימות'דיגער איד פארגעזעצט מיט א פראגע: 'איך בין דער צאר פון רוסלאנד' - האט דער צאר געענטפערט ווען ער באהאלט זיין שמייכל אויף די תמימות פונעם דורכגייער. אזוי א 'צאר?!' - האט דער איד רעאגירט ווען ער קוקט זיך אום אויף דעם גרינעם האריזאנט, 'איך ווייס נישט וואס דאס איז, אבער איך גלייב אז דאס איז גאנץ א גוטע פרנסה...'.

'דא האבן מיר א ריכטיגע בילד', האט געזאגט דער חתם סופר, 'וויאזוי איז דער באגריף פון א פעדלער וואס קומט פון א פארשטופטע שטעטל אין דעם גרויסן צאר פון רוסלאנד. און לויט דעם - להבדיל אלף אלפי הבדלות - קענען מיר פארשטיין ווי קליין זענען אונזערע השגות אין די גרויסקייט פון די הייליגע שבת ('עזרי מעם ה'' יתרו).

### 'יום גדול' - האט זיך אנגעהויבן 'שבת הגדול'

דער גאון רבי זעליג ראובן בענגיס אב"ד ירושלים ברענגט אין נאמען פון די מפרשים אז שבת בעפאר פסח ווערט אנגערופן 'שבת הגדול', ווייל פון יענעם שבת און ווייטער האבן אלע איינערקענט די גרויסקייט פונעם שבת אויף די זעקס טעג, און פון דעמאלטס ווערן אלע שבתות אנגערופן 'יום גדול', אזוי ווי דער נוסח פון די בקשה פון 'רצה'.

און הגרז"ר ערקלערט: ביז צו יציאת מצרים האבן די מענטשן אויף די וועלט א טעות געהאט און האבן געמיינט אז די כח פון די ששת ימי המעשה איז גרעסער פונעם שבת, ווייל אין לויף פון די זעקס טעג האט דער אויבישטער באשאפן די אלע באשעפענישן, אבער אין שבת האט ער גערוהט און גארנישט באשאפן. אבער שבת בעפאר יציאת מצרים האבן אלע פארשטאנען די גרויסקייט פונעם שבת, ווייל פון יענעם שבת און ווייטער, ביזן היינטיגן טאג, איז נישט באנייט געווארן קיין שום נייע באשעפעניש, נאר אלע באשעפענישן זענען תולדות פון די ערשטע באשעפענישן וואס זענען באשאפן געווארן אין די ששת ימי בראשית. און פון שבת און ווייטער פירט דער אויבישטער די טבע מיט א ספעציעלע השגחה און אויסשליסליכע הערשאפט, אזוי ווי אלע האבן געזעהן ביי יציאת מצרים וואס די גאנצע טבע האט זיך איבערגעדרייט. דער כח פון געוועלטיגן העכער אלע כוחות פון די בריאה, איז באהאלטן אין דעם טאג פון שבת, און וועגן דעם ווערט די שבת אנגערופן 'יום גדול וקדוש' ('לפלגות ראובן' - אגדה ח"ב דרוש י' עמ' קמא).

### 'יום גדול' אן קיין גרעניץ

נאך א טייטש אויפן לויב 'גדול וקדוש' ברענגט האדמו"ר רבי יחזקאל שרגא ליפשיץ האלברשטאם פון סטראפקוב: די ספעציעלע סגולה פון דער שבת איז אז דער מענטש קען צולייגן ביים אריינקום פונעם שבת און ביים ארויסגיין וויפיל ער וויל, און וואס מ'לייגט צו באקומט עס די קדושה פון שבת. און דאס זאגן מיר: 'כי יום זה גדול וקדוש' - עס קען גרעסער ווערן און אויך הייליג ווערן מער פון וויפיל מ'איז מחוייב, אויב מיר וועלן מקפיד זיין 'לשבות בו ולנוח בו **באהבה**' - צולייגן אויף דעם, נישט ווייל מ'מוז, נאר צוליב אונזער אהבה צו ה' ('דברי ישכר דוב' עמ' קסד).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די זמירות שבת וואס האט מחיה מתים געווען

די היסטאריקער קריגן זיך ארום איבער דער מחבר פונעם וואונדערליכן פיוט 'מה יפית ומה נעמת' וואס ווערט געזינגען אין אסאך אידישע קהילות ביי די סעודה פון שבת בייטאג. לויט איינע פון די מיינונגען איז דער פיוט פארפאסט געווארן דורך דעם באקאנטן גאון רבי מרדכי יפה זצ"ל בעל הלבושים. די וואונדערליכע ערציילונג וואס ליגט אונטער דעם רגש'דיגן פיוט, האט דערציילט דער מגיד רבי יאשע שו"ב פון בריסק:

אין די צייט וואס רבי מרדכי יפה האט געדינט אלץ אב"ד אין הורודנא, האט ער געהאט א בן יחיד, א באליבט קינד, א תלמיד חכם וואס אלע האבן געזאגט אויף אים גרויסע זאכן, און פארשטייט זיך אז ער איז געווען זייער באליבט ביי זיין פאטער. אין א געוויסע ערב שבת, ווען דער קינד איז געווען אויפן וועג אהיים און איז שוין געווען נאנט צו די שטאט הורודנא, האבן אים פלוצלינג באפאלן א גרופע רויבער, וואס נאכן אוועק נעמען די ביסל געלט וואס ער האט געהאט ביי זיך, האבן זיי אים גע'הרג'עט און איבער געלאזט זיין קערפער אויפן פעלד.

די פאמיליע האבן גארנישט געוואוסט וואס עס האט פאסירט מיט זייער קינד, נאר דער בירגער-מייסטער פונעם שטאט (דער מעיאר) האט זיך געדארפט אפגעבן מיט די פאסירונג. ער איז אראפ געפארן אויפן פלאץ וואו דער מארד איז פארגעקומען, ער האט גענומען דעם קערפער פונעם גע'הרג'עטן און באפוילן מ'זאל אים אוועק לייגן אין א צימער פון דער האטעל וואס איז געווען דערנעבן, ביז מ'וועט באשליסן וואס מ'וועט טון מיט דעם טויטן קערפער.

די פאליציי האבן טאקע אזוי געטון, זיי האבן גענומען די קערפער פונעם גע'הרג'עטן און עס אריינגעלייגט אין א זייטיגע צימער אינעם האטעל. דער טיר איז פארשלאסן געווארן, און די פאליציי האט אנגעהויבן אויספארשטן די געשעהעניש כדי צו קענען באשטראפן די מערדער.

ארום א שעה בעפאר דער שבת איז אריינגעקומען, איז אנגעקומען די ביטערע נייעס צו דעם הויז פונעם חשוב'ן פאטער. אין אזא שפעטע שטונדע האט ער גארנישט געקענט טון אויסער צו ווארטן ביז מוצאי שבת. אין די שווערע מינוט, ווען א געפיל פון צער נעמט אים ארום, זענען אלע זיינע זארגן געווען אויף איין זאך - וויאזוי וועט ער קענען אויפנעמען דעם שבת ווי עס דארף צו זיין, מיט שמחה אן קיין טרויער.

דער ערליכער פאטער האט אויסגענוצט די ביסל צייט וואס איז איבערגעבליבן ביזן אנקום פונעם שבת, כדי צו מקבל זיין דעם דין שמים מיט ליבשאפט און מיט שמחה, ער האט זיך נישט פארהוילן פון דעם גרויסן ווייטאג אויפן פארלירן זיין באליבט קינד, נאר ער האט זיך אנגעשטרענגט מיט זיין גאנצן כח עס אפשטופן ביז נאך שבת, כדי דעם שבת זאל ער אויך קענען מענג זיין און זיך פרייען אזוי ווי מ'איז מחויב על פי דין און אזוי ווי ער איז געווען געוואוינט פון אלע יארן.

עס איז אים זייער שווער אנגעקומען, אבער ער האט זיך געשטארקט מיט זיין גאנצן כח, ביז עס איז ווי פון זיך אליינס ארויסגעקומען דער געזאנג פון די טיפענישן פון זיין הארץ: "מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים, את שבת **משוש נוגים**...".

אזוי איז פארפאסט געווארן די דערהויבענע געזאנג וואס מיט די צייט שפעטער איז עס פארשפרייט געווארן צווישן גאנץ כלל ישראל; פון איין שורה צו די צווייטע האט זיך געשטארקט די ליבשאפט און די שמחה צום שבת אינעם הארץ פון דער פאטער דער צדיק, די שרעקליכע ווייטאג האט זיך אויפגעטרישט מיט א ריינע אמונה אינעם באשעפער וואס האט באפוילן מיר זאלן זיך פרייען אין דעם טאג, און מקבל זיין דעם דין באהבה.

בעפאר דער וואונדערליכער געזאנג איז געענדיגט געווארן, זענען די געדאנקען פונעם פאטער אינגאנצן געווען דבוק אין אהבת ה', מיט א גלוסטעניש און א בענקעניש. זיין הארץ ווייטאג האט זיך שוין אינגאנצן נישט אנגעזעהן.

און אינצווישן, אין די עולמות עליונים איז געווארן א גרויסער טומל און גרודער, די מלאכי מרום האבן פון אויבן אראפגעקוקט וויאזוי א בשר ודם קען זיך אויפהייבן אזוי הויעך, און נישט טראכטן פון זיין שרעקליכע ווייטאג, וויאזוי איז ער מסוגל אוועקשטופן זיין עגמת נפש כדי צו מקיים זיין די באפעל פונעם אויבערשטן מ'זאל רועהן אין דעם טאג ווען מ'איז בשמחה.

ווען דער צדיק איז אנגעקומען צו דעם שטיקל ווי מ'בעהט מיט געפיל: "חי זקוף מך לקוראי, שמך שמע עליון ואל תחרש לרש ואביון וקבל ניב וגם היגיון...", האבן די גאנצע פמליא של מעלה באשלאסן אז דער גע'הרג'עטער זאל אויפשטיין תחיית המתים, און דעמאלטס האט פאסירט דער וואונדערליכער נס:

די נשמה פונעם זון איז צוריק צו זיין קערפער, ער האט זיך אויפגעוועקט ווי פון א חלום, ער האט זיך אויפגעשטעלט און זיך ארום געקוקט אינגאנצן צומישט. צוביסלעך האט ער זיך דערמאנט אלעס וואס האט פאסיט מיט אים אין די לעצטע שעות. דאס איז געווען אינמיטן שבת ביינאכט און ער האט געוואלט צוריק גיין צו זיין פאמיליע וואס זארגן זיך זיכער אויף אים. די טיר פונעם צימער איז געווען פארשלאסן, און ער האט געטראכט ביי זיך וואס צו טון; אויב ער וועט קלאפן אויפן טיר און בעטן פונעם אייגנטימער ארויסגיין, וועט ער אים זיכער נישט ערלויבן, ציטערנדיג פונעם בירגער-מייסטער וואס וועט נישט גלייבן זיין ערציילונג און וועט אים שטראפן. עס קען אויך זיין אז יענער וועט אים אויך הרג'ענען פון גרויס שרעק.

ער האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר ארויף קריכן צו דעם הויכן פענסטער, זיך ארויסשטופן פון דארט אויפן וועג צום דערנעבנדיגן וואלד.

דאס פאלץ איז געווען אויסער די תחום-שבת פונעם שטאט, דעריבער האט ער באשלאסן זיך אויפהאלטן גאנץ שבת צווישן די ביימער אין די וואלד, און באלד מוצאי השבת האט ער זיך געאיילט צו לויפן אין שטאט צו די ריכטונג פון זיין פאטער'ס הויז.

אין די צייט וואס דער קינד איז געלאפן צו זיין פאטער'ס הויז האט דער פאטער געענדיגט מאכן הבדלה. זיין געזיכט וואס ביז יענע מינוט האט עס געשיינט און געלויכטן פון די פרייד פון שבת, האבן אנגעהויבן געענדערט ווערן, די שרעקליכע ווייטאג וואס אין לויף פון אגאנץ שבת האט ער עס אוועקגעשטיפט, איז פלוצלינג ארויף געקומען מיט איר גאנצע שטארקקייט, און די געוויין האט געהאלטן ביים אויפשאקלען זיין גאנצע קערפער.

דער פאטער האט שוין אויסגעטון זיינע שיך כדי צו זיצן 'שבעה', ווען פלוצלינג עפנט זיך די טיר, און דער גע'הרג'עטער קומט צו גיין מיט זיינע אייגענע פוס.

רבי מרדכי יפה האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעהט, אין אנהויב האט ער געמיינט אז עס איז א איינרעדעניש און א פאנטאזיע, אבער דער זון האט באלד ערקלערט: ריכטיג, טאטע, איך בין שוין געווען אין עולם העליון, איך בין געשטאנען פארן בית דין של מעלה, און פלוצלינג האט זיך געהערט אין דעם בית דין שטוב'ל דער ניגון וואס דו האסט פארפאסט.

דיין אנשטרענגונג צו באהאלטן דיין ווייטאג לכבוד שבת און לכבוד דעם אויבערשטן וואס האט געהייסן זיין פרייליך, האט ערוועקט די מדת הרחמים אויבן אין הימל, און דער בית דין של מעלה האט באשלאסן מיך צוריק שיקן אויף דער וועלט.

אינצווישן האט שוין דער בירגער-מייסטער אנגעיאגט צו הערן אז דער גע'רצח'עטער איז פארשווינדן געווארן, דער וועכטער האט נישט געהאט וואס צו ערקלערן איבער די ערשיינונג, אבער בעפאר ער האט אים געוואלט שטראפן, האט ער באשלאסן אריבער גיין צו די הויז פון די עלטערן פונעם גע'הרג'עטן געוואר ווערן וואס דא גייט פאר, און ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען ער האט געזעהן דעם קינד זיצט מיט זיינע עלטערן און פארברענגט מיט זיי ווי גארנישט וואלט נישט פאסירט.

ווען דער בירגער-מייסטער האט געהערט די ערציילונג וואס האט זיך אפגעשפילט אונטער דעם וואונדערליכן נס, האט ער געבעהטן מ'זאל אפשרייבן די ווערטער פון די געזאנג, און פון יענעם טאג און ווייטער איז דער ליד 'מה יפית' פארשפרייט געווארן צווישן אלעמען, אידן און גוים צוזאמען.

'כתבי רבי יאשע שו"ב' עמ' קלח

shay עיצובים

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע